**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/23/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול געבט אפדעיט אויף סעיט'ס רעאקציע באמיאונגען אויף ווינטער שטורעם שטערן האלידעי רייזעס דעם וויקענד**

***סטעיט אוו עמערדזשענסי יעצט אין קראפט איבער די גאנצע סטעיט אין צייט וואס ווינטער שטורעם רוקט זיך דורך ניו יארק***

***NYS Thruway (I-90) איז פארמאכט פאר אלע טרעפיק צווישן עקזיט 46 (ראטשעסטער, I-390) און די פענסילוועניע גרעניץ; פיעס ברידזש, לעוויסטאן-קווינסטאן ברידזש און רעינבאו ברידזש גרעניץ איבערגאנגען אלעס פארמאכט צו ארייגקומענדע טרעפיק***

***עריע, דזשענעסי, נייאגארא און ארליענס קאונטיס פירן איין ארטיגע רייזע אפהעלטער, בלויז אוטאריזירטע וויהיקלס קענען פארן אין צייט וואס שניי שטורעם אומשטענדן גייען אן אין מערב ניו יארק***

***איבער 110,000 אן עלעקטריק פון פרייטאג אינדערפרי, מיט 31,000 קורצשלוסן אין עריע קאונטי און כמעט 20,000 קורצשלוסן אין מאנראו קאונטי***
***גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו פארמיידן רייזע פרייטאג און שבת אין צייט וואס טעמפעראטורן פאלן איבער די סטעיט פרייטאג, ברענגענדיג צו אייזיגע גאסן אומשטענדן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט צוגעשטעלט אן אפדעיט פאר ניו יארקער אין צייט וואס א ווינטער שטורעם האט געברענגט אסאך רעגן, שניי און הויכע ווינטן איבער די סטעיט איבערנאכט, און שניי שטורעם אומשטענדן אין מערב ניו יארק. אויף דאנערשטאג, האט גאווערנער האקול דערקלערט א סטעיט אוו עמערדזשענסי איבער די סטעיט פאראויס פון די געשעעניש, וועלכע איז אריין אין קראפט פרייטאג 6 אזייגער אינדערפרי. גאווערנער האקול האט אנגעזאגט פאר ניו יארקער וואס פלאנען צו רייזן דעם וויקענד צו עס איבערטראכטן נאכמאל וויבאלד א באדייטנדע נידערונג אין טעמפעראטורן פרייטאג וועט פאראורזאכן באדייטנדע וואסער פרירונג און אייזיגע גאסן אומשטענדן.

"די שטורעם האט געברענגט אביסל פון אלעס וואס מיר האבן ערוואורטעט און עס זענען דא טויזענטע ערשטע רעספאנדערס, עמערדזשענסי מענעדזשמענט שטאב און יוטיליטי גרופעס אינדרויסן אין די פראסטן צו האלטן ניו יארקער פארזיכערט היינט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בעטן יעדער איינער צו בלייבן אראפ פון די גאסן וויבאלד אומשטענדן וועלן ווערן ערגער ווען טעמפעראטורן פאלן איבער די סטעיט שפעטער היינט. טוט זיך אן ווארעם, בלייבט אינעווייניג, און בלייבט פארזיכערט דעם וויקענד."

היינט און פארזעצנדיג אריין אין שבת אינדערפרי, וועט פיל פון די סטעיט ערווארטן צו זען שטארקע ווינטן פון ביז 60 מייל א שעה אדער מער אין צייט וואס טעמפעראטורן וועלן פאלן שנעל און באדייטנד, מיט

מער פון 35 גראד אין געוויסע ראיאנען, פאראורזאכנדיג וואסער פרירונג, אונטער זערא ווינט קעלט און אייזיגע גאס אומשטענדן. דאס האט שוין אפעקטירט אומשטענדן אין מערב ניו יארק און איז ערווארטעט צו אפעקטירן די איבריגע טייל פונעם סטעיט ביי די היינטיגע אווענט צייט רייזן. ווינטן אויף פרייטאג און שבת וועלן זיין גענוג שטארק צו פאראורזאכןביימער און עלעקטריק ליניעס צו פאלן. פארפלייצונג נעבן לעיק עריע און לעיק אנטאריאו איז מעגליך אין ערטער וועלכע ווערן פארפלייצט צוליב רעגן, צולאזטע שניי און שטארקע ווינטן.

היינט נאכט און פארזעצנדיג ביז מאנטאג וועט א 'לעיק עפעקט' שניי באטרעפן די באפעלאו און וואטערטאון געגנטער נעבן לעיק ערי און לעיק אָנטאַריאָו, און שטארקע ווינטן זענען ערווארטעט צו פאראורזאכן בלאזנדע און פליענדע שניי וואס וועלן כמעט גארנישט לאזן זען און לאקאלע שניי שטורעם אומשטענדן. די באפעלאו און וואטערטאַון געגנטער קענען זען ביז אזויפיל ווי דריי פיס שניי ביז זונטאג ביינאכט. פארפרוירענע טעמפעראטורן נידעריגער ווי נארמאל מיט קעלט צוליב ווינטן זענען ערווארטעט צו אנגיין ביז מאנטאג אין אפסטעיט ראיאנען.

גאווערנער האקול האט געמוטיגט ניו יארקער צו אונטערנעמען אלע נויטיגע באווארענונגען אויב איינער פארט די וואך און צו פלאנירן פון פאראויס פאר שווערע וועטער.

מערערע שניי שטורעם ווארענונגען, ים ברעגעס פארפלייצונג ווארענונגען, לעיק ברעג פארפלייצונג ווארענונגען, הויכע ווינטן ווארענונגען, ווינטיגע קעלט ווארענונגען און ווינטער שטורעם ווארענונגען זענען אלע אין קראפט פאר דעם וויקענד ארום פארשידענע קאונטיס אריבער די סטעיט. פאר א פולע ליסטע פון וועטער וואַטשעס, ווארענונגען און אדווייזאריס איבער ניו יארק, באזוכט די נאציאנאלע וועטער סערוויס (National Weather Service) וועבסייט.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "די שטורעם האט באטראפן יעדע קאונטי אין די סטעיט, אן קיין אויסנאם, איבער די לעצטע 12 שעה. בלייבט וואכזאם היינט און מארגן. איידער ארויסגיין פון שטוב, זאלט איר איבערקוקן לאקאלע וועטער אומשטענדן און אויספאלגן די אנווייזונג פון ארטיגע באאמטע. היינט נאכט, וועט די גאנצע סטעיט ליידן פון א טיפע פראסט. עס קען זיין געפארפול קאלט נישט קיין חילוק וואו איר וואוינט אין די סטעיט און, צוליב די ווינטל, ערווארטן מיר פארשפרייטע קורצלוסן צו העכערן די געפאר פון די קעלט. מאכט זיכער אז אייערע שכנים און נאנטע זענען אקעי און איר זאלט וויסן אז די סטעיט'ס עמערדזשענסי רעאקציע שטאב און יוטיליטי גרופעס איבער די סטעיט ארבעטן ארום דעם זייגער דעם האלידעי וויקענד אייך צו האלטן פארזיכערט."

**<u>אגענטור אפעראציעס</u>**

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די סטעיט'ס עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער און די פייער אפעראציעס צענטער זענען אפן און פאלגן אקטיוו נאך וועטער באריכטן און אינצידענטן איבער די סטעיט צו אויסארבעטן די סטעיט'ס רעאקציע אין צייט. דער אפיס פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט און דער אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל פארמאגן געצייג און שטאב גרייט צו העלפן מיט הילף פארלאנגען.

לענגאויס די סטעיט'ס צען סטאקפיילס, האט דער DHSES די פאלגנדע זאכן צו העלפן מיט שטורעם-פארבינדעטע געברויכן:

- 1,487 גענעראטארס
- 985 פאמפס
- 528 זעגן
- 250 ליכט טורעמס
- בעטן, קישענעס, דעקעס, וואסער, און MREs

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**

ניו יארק'ס יוטיליטיס האבן אומגעפער 7,700 ארבעטער גרייט אויסצופירן שאדן אפשאצונגען, דראטן אפהיטונג, אפרוף, פארריכטונג און צוריקשטעלונג ארבעט.

- דאס רעכנט אריין נאך 800 דרויסנדיגע דראטן און בוימער ארבעטער וועלכע זענען פארזיכערט געווארן דורך די נאציאנאלע גריד,
- 330 דרויסנדיגע דראטן און בוימער ארבעטער פארזיכערט דורך NYSEG און RG&E,
- 95 דרויסנדיגע דראטן און בוימער ארבעטער פארזיכערט דורך Central Hudson,
- 150 דרויסנדיגע דראטן און בוימער ארבעטער פארזיכערט דורך Orange & Rockland און
- 800 דרויסנדיגע דראטן און בוימער ארבייטער פארזיכערט דורך Con Edison.

DPS שטאב וועלן נאכקוקן יוטיליטי'ס רעאקציע, פאררעכטונג און איבערמאכן ארבעט דורכאויס דער שטורעם און וועט פארזיכערן אז יוטיליטיס נוצן צוגעפאסטע מיטלען צו געגנטער וואס שפירן די גרעסטע אפעקט.

אלס רעזולטאט פון די שווערע וועטער, האט דער דעפארטמענט פארברייטערט זייער OCS רוף צענטער הילפליניע שעות ביז 7:30 ביינאכט פרייטאג צו ארויסהעלפן ניו יארקער מיט שטורעם רעאקציע און צוריקשטעל פרואוון. דער נומער איז (800) 342-3377.

**טראנספארטאציע דעפארטמענט**

די סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע טוט נאכקוקן וועטער אומשטענדן און איז גרייט צו רעאגירן מיט 3,450 אויפזעער און ארבעטער. אין צוגאב, שטייען 75 ICS שטאב גרייט צו ארויסהעלפן די רעאקציע צו די געשעעניש. אלע אפעקטירטע וואוינארט לאקאציעס וועלן זיין גרייט מיט שטאב פאר א 24/7 אפעראציע דורכאויס דער לענג פון דעם שטורעם. שטאב קענען געניצט ווערן פאר סיי וועלכע סארט רעאקציע ארבעטער וואס איז נויטיג אזיווי שניי און אייז, פארפלייצונג, האקן האלץ, טראגן און ברענגען, שניידן און ארויסווארפן, אנפירן טרעפיק, אדג. אלע אוועילעבל געצייג ווערט גענוצט אדער איז גרייט צו ווערן ארויסגעשיקט.

א דרייווינג פארבאט איז ארויסגעגעבן געווארן אין עריע קאונטי און די סיטי פון באפעלאו; און די פאלגנדע גאסן אין עריע קאונטי זענען פארמאכט צו אלע טרעפיק ביז די אומשטענדן פארבעסערן זיך:

- State Route 400
- State Route 219
- I-290
- I-190
- State Route 5 (I-190 צו Big Tree Road)

אויך, זענען די Rainbow Bridge און Peace Bridge, Lewiston-Queenston Bridge גרעניץ איבערגאנגען אלע פארמאכט צו אריינקומענדע טרעפיק.

אנגעהויבן פון פרייטאג מיטאג וועלן טראקס זיין באגרעניצט צו נוצן נאר די רעכטע ליניע אויף אינטערסטעיט 81 פון עקזיט 32 (Central Square) ביז עקזיט 51 (Alex Bay). אויך, וועלן עטליכע גאסן אין די Hudson Valley זיין פארמאכט צוליב פארפלייצונג אדער אראפגעפאלענע ביימער. NYSDOT שטאב זענען גענצליך פארנומען מיט אוועקנעמען שמוץ, אפשאצן די צושטאנד און וועלן ווידער עפענען די גאסן וויבאלד די אומשטענדן ערלויבט.

ראיאנישע ארבעטער זענען יעצט ווייטער פארנומען מיט צוגרייטונגען פאר אלע סארטן געפארן. וואסער אפלויף סטרוקטורן ווערן איבערגעקוקט און אויסגערייניגט פון שמוץ. צו ארויסהעלפן די אפרופונג אקטיוויטעטן אין קריטישע ערטער, ווערן א סך הכל פון 71 מאנשאפט מיטגלידער, אריינרעכענענדיג 65 שארער טראק דרייווערס, 4 אויפזעער, 1 אסיסטענט מענעדזשער, 1 ICS שטיצע ספעציאליסט, 13 שארער טראקס, 2 שנייי בלאזערס און 1 'גרעידער' טראקטאר ארויסגעשיקט קיין מערב ניו יארק און די צפון קאנטרי. זיי ווערן פארטיילט ווי פאלגנד:

***מערב ניו יארק***

- 3 שארער טראקס פון צענטראל ניו יארק
- 2 שארער טראקס, 2 שנייי בלאזערס און 1 גרעידער טראקטאר פון די פינגער לעיקס
- 4 דרייווערס און 2 שארער טראקס פון די מערב דרום טיער
- 26 דרייווערס, 2 אויפזעער און 1 אסיסטענט מענעדזשער פון די מיד-האדסאן ראיאן
- 10 דרייווערס, 1 אויפזעער און 3 שארער טראקס פון די דרום טיער
- 19 דרייווערס און 1 אויפזעער פון לאנג איילענד
- 1 ICS ספעציאליסט פון די הויפטשטאט דיסטריקט

***צפון קאנטרי***

- 2 דרייווערס און 1 שארער טראק פון די הויפטשטאט דיסטריקט
- 2 דרייווערס און 1 שארער טראק פון די מאוהאק וואלי
- 2 דרייווערס און 1 שארער טראק פון צענטראלע ניו יארק

די נויט פאר נאך מיטלען (דרייווערס, טראקס, מעכאניקער און EOI's) וועט ווערן איבערגעשאצט לויט ווי די אומשטענדן פארלאנגען דורכאויס די שווערע וועטערס. גענעראטארן ווערן צוגעגרייט צו ארויסגעשיקט ווערן צו ארויסהעלפן מיט קאמיוניקאציע. פלאטע מעכאניקער אין באטראפענע געגנטער וועלן שיקן מאנשאפטן צו אלע הויפט וואוינונג געגנטער 24/7 צו טוהן פאררעכטונגען און צו האלטן טראקס אויפ'ן גאס. די צאלן פון געצייג אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1740 גרויסע און מיטלע שארער טראקס
- 52 שלעפער שארערס
- 37 שנייי בלאזער
- 338 לאודערס
- 13 בוים-קרו באקעט טראקס
- 78 טשיפערס (האלץ האקערס)
- 32 טראפיק סיגנאל טראקס
- 20 גרעידערס

- 73 טראקטארס

פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט NY.org511 אדער דאונלאוד'ט די אומזיסטע NY511 מאבייל עפ.

**טרו-וועי אויטאריטעט**

טרו-וועי אוטאריטעט פארערכטונג פאסיליטעטן שטייען גרייט מיט'ן גאנצן שטאב ארום די זייגער און רעאגירט צום שטורעם מיט 678 טראק דרייווערס און אויפזעער איבער'ן סטעיט. טרו-וועי האט אריבערגעפירט און ארויסגעשטעלט נאך שטאב מיטגלידער און געצייג פון איר ניו יארק און אלבאני אפטיילונגען אויף צו שטיצן שניי און אייז אפעראציעס אין מערב ניו יארק. ארויסגעשיקטע הילפס-מיטלען רעכענען אריין גרויסע שארער-טראקס און דרייווערס. נאך הילפס-מיטלען שטייען גרייט צו טוישן אויב נויטיג.

**אלע וויהיקלס** זענען פארבאטן אויף דער ניו יארק סטעיט טרו-וועי (I-90) פון עקזיט 46 (ראטשעסטער I-390) ביז׳ן פענסילווּאניע גרעניץ, און די ניאגארא טרו-וועי (I-190) פון I-90 ביז עקזיט 22 (רוט 62) ביז ווייטערדיגע מעלדונג.

טרו-וועי געצייג נומערן און הילפס-מיטלען איבער די סטעיט רעכנט אריין:

- 364 גרויסע און מיטלע שארער טראקס
- 10 טאָו שארערס
- 66 גרויסע טראקס
- מער פון 123,000 טאן פון זאלץ גרייט

שילדן מיט אנזאג-ענדערונג פעאיגקייטן און סאושעל מידיע ווערן געניצט אויף צו ווארענען דרייווער איבער וועטער אומשטענדן אויף דער טרו-וועי. פאלגט נאך דער טרו-וועי אויטאריטעט אויף טוויטער: @NYSThruway און ThruwayTraffic@ און אויף פעיסבוק:NYS טרו-וועי אויטאריטעט.

די טרו-וועי אוטאריטעט מוטיגט קאר דרייווערס צו דאונלאוד'ען איר מאבייל עפ וועלכע איז אוועילעבל אומזיסט אויף iPhone און Android דעווייסעס. דער עפ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע, לעבעדיגע טראפיק קאמערעס און נאוויגאציע הילף בשעת׳ן זיין אויפ׳ן וועג. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען TRANSalert אימעילס וועלכע געבן איבער די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-וועי.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**

די סטעיט פאליציי האבן צוגעלייגט איבריגע פאטראלן לענגאויס מערב ניו יארק און אין דזשעפערסאן קאונטי צו רעאגירן ווי נויטיג. אלע פיר-רעדלדיגע דרייוו און ספעציעלע וויהיקלס זענען אין סערוויס, אריינגערעכנט יוטיליט ארבעט וויהיקלס און שניימאבילן.

**פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערסי**

די פארט אויטאריטעט האלט אן אויג אויף וועטער אומשטענדן. שנעלקייט איינצוימונגען קענען מעגליך זיין אין עפעקט ביי די בריקן, ווי אויך לענגאויס די וועגן וועלכע פירן צו און אוועק פון זיי. פאסאנזשירן וועלכע נוצן די פארט אויטאריטעט'ס איינריכטונגען ווערן ערמוטיגט זיך צו פארבינדן דירעקט מיט

טראנספארטאציע באס פירמעס און לופטליניעס פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן סיי דילעיס און קענסעלעישענס. פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן פארט אויטאריטעט פאסיליטעטן, ביטע קוקט איבער סאושעל מידיע, שרייבט אייך איין פאר PA ווארענונגען אדער דאונלאוד'ט איינע פון די PA מאבייל עפפס, אריינגערעכנט RidePATH וועלכע טוט צושטעלן עכטע-צייט אפדעיטס און ווארענונגען פאר PATH סערוויס.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט**

די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) האלט א נאענטע אויג אויף וועטער אומשטענדן צו פארזיכערן זיכערע און פארלעסליכע סערוויס. MTA ארבעטער וועלן שטיין גרייט זיך אפצורופן צו סיי וועלכע וועטער-פארבינדענע נושאים און אוועקפירן סיי וועלכע אראפגעפאלענעביימער וועלכע קענען פאלן איבער באן רעלסן.

MTA בריקן און טונעלן האבן פארבאטן ליידיגע טראקטאר-טרעילערס און באהאפטענע טראקס אנגעהויבן פון 8:00 ביינאכט פרייטאג. פיסגייער וועגן אויף די קראס בעי און מארין פארקוועי בריקן וועלן זיין פארשלאסן דורכאויס די זעלבע צייט אפשניט; פיסגייער וועגן אויף די RFK און הענרי האדסאן בריקן וועלן מעגליך ווערן אפגעשפארט געוואנדן אין די וועטער אומשטענדן.

פאסאנזשירן זענען ערמוטיגט צו קוקן אויף new.mta.info פאר די לעצטע סערוויס אַפּדעיטס און צו זיין פארזיכטיג ביים נוצן די באנען. פאסאנזשירן זאלן זיך אויך איינשרייבן צו באקומען סערוויס אלערטס דורך טעקס מעסעדזש אדער אימעיל. די אלערטס קען מען אויך באקומען דורך די MTA'ס עפּס: MYmta און TrainTime.

**זיכערהייט טיפס**

ווינטער רייזן זיכערהייט
די פירנדע גורם פון טויטפאל און פארוואונדעט ווערן דורכאויס ווינטער שטורעמעס איז טראנספארטאציע צוזאמשטויסונגען. איידער איר פאנגט אן דרייוון, חזר'ט איבער די זיכערהייט עצות:

- ווען עס טרעפן זיך ווינטער שטורעמעס, דרייוו׳ט נישט אויב עס איז נישט וויכטיג.
- מאכט זיכער אז אייער קאר איז קלאר פון אייז און שניי; צו זען גוט איז די שליסל צו גוטע דרייוון.
- איר זאלט אייביג צוגלייכן אייער שנעלקייט צו די וועגן און וועטער אומשטענדן. פלאנירט אייער אפשטעלונגען און האלט אן א גרעסערע ווייטקייט צווישן קארן.
- זייט ספעציעל וואכזאם און געדענקט אז שניי זאמלונגען קענען באהאלטן קלענערע קינדער.
- מאכט זיכער אז איר האלט אין אייער קאר איבערלעבן געצייג ווי דעקעס, א שאוול, פלעשלייט און עקסטערע באטעריעס, איבעריגע ווארעמע קליידונג, סעט פון רעדל קייטן, באטערי בוסטער קעיבלס, עסן וואס געבן שנעל כח און ליכטיגע קאלירטע שמאטע צו נוצן אלץ א הילף פאן.
- אויב איר האט א סעלפאן אדער אנדערע קאמיוניקאציע מיטל ווי א טו-וועי ראדיאו אוועילעבל, דאן האלט די באטעריעס גע'טשארדזש'ט און האלט עס מיט אייך ווען איר פארט.

**זייער קאלטע טעמפעראטורן**

- זייט וואכזאם וועגן ווינט טשיל - ווינט אינאיינעם מיט דעם אקטועלן טעמפעראטור - וואס קען שאפן א פארמערונג פון היץ פארלוסט צו די מענטשליכע קערפער.
- טוט זיך אן פאסנד און פארמיידט צו בלייבן צו לאנג אין די קעלט.
- טראגט א הוט און הענטשיך ווען פאסיג מיט שיכטן פון קליידונג. פארמיידט אומנויטיגע אויסשטעלונג צו די קעלט פון סיי וועלכע חלק פונעם קערפער.

- טרונקט גענוג ווארעמע געטראנקן אדער ווארעם וואסער אבער פארמיידט קאפין און אלקאהאל. בלייבט אקטיוו צו אנהאלטן קערפער היץ.
- נעמט אפטע אפשטעלונגען פון די קעלט.
- אויב איר האט סיגנאלן פון הייפאטערמיע אדער פראסטביס, גייט אוועק פונעם קעלט, ווארעמט צוביסלעך אן דעם מענטש און זוכט מעדעצינישע הילף:
- פראסטביס: סימפטאמן רעכנט אריין פארלוסט פון שפירן, א ווייסע אדער העלע אויסזען אין פינגערס, פיס פינגער, אויערן, און נאז.
- הייפאטערמיע: סימפטאמן רעכנט אריין אומקאנטראלירבארע ציטערניש, רעדן שטייט, פארלוסט פון זיכרון, אראפפאלן אפט און זיין שלעפעריג.

**ווערן אויסגעמוטשעט**

ווערן אויסגעמוטשעט, אזוי ווי שארן שניי, אוועקנעמען מיסט אדער שטופן א קאר, פארמערט די ריזיקע פון א הארץ אטאקע. פאלגט אויס די עצות צו בלייבן זיכער נאך דעם שטורעם:

- בלייבט ווארעם, טוט זיך אן ווארעם און פארט שטייטער ווען איר ארבעט אינדרויסן.
- נעמט אפטע הפסקות זיך צו פארמיידן פון ווערן צו אויסגעמוטשעט
- אויב איר פילט ווייטאג אין די ברוסטקאסטן, א קורצע אטעם אדער ווייטאג אין די מויל וואס ציט זיך אראפ אייער ארעם, <u>שטעלט זיך באלד אפ</u> און זוכט הילף זאפארט.

**קורצשלוסן**

ווינטער שטורעמס קענען פאראורזאכן קורצשלוסן. חזר'ט איבער די זיכערהייט עצות איידער די לעקטער גייט אויס כדי איר זאלט וויסן וואס צו טון אין אן עמערדזשענסי:

- רופט אייער יוטיליטי פראוויידער זיי צו מעלדן וועגן דעם קורצשלוס.
- פארמיידט אלע אראפגעפאלנע פאוער ליניעס און באריכט זיי צו אייער יוטיליטי פראוויידער פאר פאררעכטונג; באטראכט אלע אראפגעפאלנע ליניעס צו האבן לעבעדיגע עלעקטריציטעט.
- נוצט נאר פלעשלייטס פאר עמערדזשענסי באלייכטונג - ליכט קענען איינשטעלן א ריזיקע פון פייער.
- האלט אייער פרידזשידער און פריזער טירן פארמאכט צו פארמיידן עסן פון זיך פארשימלען. ווען איר האט א ספק, ווארפט עס אוועק!
- נוצט נישט א טשארקאויל גריל אדער גענעראטאר אינעווייניג און נוצט נישט א גאז אויוון פאר הייצונג- וויבאלד זיי געבן ארויס שעדליכע מאסן פון קארבאן מאנאקסייד.
- שפארט אפ הויפט אפלייענסעס צו פארמיידן שאדן פון א מעגליכע סורזש ווען די עלעקריציטעט קומט צוריק-האלט איין לעקטער אנגעצונדען כדי איר זאלט וויסן ווען די עלעקטריציטעט קומט צוריק.

**היים הייצונג**

הייצונג געצייג איז איינע פון די הויפט אורזאכן פון היים פייער טויטפאלן. האלט אייער באליבטע זיכער דורך אויספאלגן די וויכטיגע שריט:

- האלט אלע ברענבארע ארטיקלען כאטש דריי פיס אוועק פון הייצונג געצייג.
- טוט אייביג איינשטעקן אפלייענסעס אריינגערעכנט היטערס גלייך אריין צו א פלאג. קיינמאל איינשטעקן אפלייענסעס אין א פאוער סטריפ אדער עקסטענשאן קארד.
- מאכט זיכער אז איר האט רויך אלארמס וואס ארבעטן אין יעדע שלאף צימער, אינדרויסן פון יעדע שלאף ארט, און אויף יעדע שטאק פון אייער הויז.

פאר אלע נישט קיין עמערדזשענסי סערוויס געברויכן איידער, דורכאויס אדער נאך א שטורעם, רופט 211 אדער באזוכט nys.org211.

פאר מער זיכערהייט טיפס, באזוכט די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס זיכערהייט טיפּס וועבסייט אויף www.dhses.ny.gov/safety.

###


נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן